**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארטיילונג פון 5.7 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע קאוויד-19 פארלייכטערונג פאר ניו יארק'ס פישעריי אינדוסטריע

***פארטיילונגען שטעלן צו דירעקטע באצאלונגען פאר קאמערציעלע און צו-ארויסדינגען פישעריי אינדוסטריע וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פאנדעמיע-פארבינדענע ביזנעס פארלוסטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 5.7 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הילף צוגעשטעלט דורך די צוזאמגעשטעלטע פארטיילונגען געזעץ (Consolidated Appropriations Act) ווערט יעצט פארטיילט פאר ניו יארק'ס ים-עסן, קאמערציעלע און צו-ארויסדינגען פישעריי אינדוסטריעס. די געלטער קומען אין צוגאב צו 7.4 מיליאן דאלאר וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די קאראנאווירוס הילף, פארלייכטערונג און עקאנאמישע זיכערהייט געזעץ ( Coronavirus Aid, Relief, and Economic Security Act), פאר א סך הכל פון 13.1 מיליאן דאלאר אין הילף פאר ניו יארק'ס פישעריי אינדוסטריעס נאכפאלגנדיג גרויסע ביזנעס פארלוסטן אין 2020 און 2021 צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע.

"די קאוויד-19 פאנדעמיע האט געהאט א שווערע ווירקונג אויף די טוריזם, רעסטוראנט און פארוויילונג אינדוסטריעס דורכאויס די לעצטע צוויי יאר, און ניו יארק'ס פישעריי אינדוסטריעס זענען נישט געשוינט געווארן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פישעריי אינדוסטריעס זענען קריטישע עקאנאמישע טרייב קראפט מיטלען אין צאללאזע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט, און די געלטער וועלכע זענען היינט צוגעשטעלט געווארן זענען וויכטיג צו העלפן היטן אויף דזשאבס און פארזיכערן די צוקונפטיגע הצלחה פון די אינדוסטריעס פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

"פילע פישעריי ביזנעסער האבן זיך געמוטשעט דורכאויס די קאוויד פאנדעמיע אזוי ווי עס איז שווער געווארן צו אויפנעמען אדער האלטן ארבייטער, און די ביזנעס מאדעל האט זיך געטוישט צו האנדלען מער דירעקט מיט די קליענטן ווי איידער ווי א רעסטוראנט", **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "די צוגעקומענע פעדעראלע פארטיילונגען פאר די פישעריי אינדוסטריע וועט צושטעלן גאר נויטיגע ערלייכטערונג, נאך מער פון וויפיל די קאראנאווירוס געזעץ געלטער האבן צוגעשטעלט בעפאר און זיי וועלן העלפן ראטעווען ניו יארק'ס ים-עסן, קאמערציעלע און צו-ארויסדינגען פישעריי אינדוסטריעס."

די סטעיט'ס דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) [פישעריי ערלייכטערונג פראגראם (Marine Fisheries Relief Program)] פארטיילט פעדעראלע הילף צו ארויסהעלפן ניו יארק'ס פישעריי אינדוסטריעס און שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר קאוויד-19 עקאנאמישע ערהוילונג. בארעכטיגטע ניו יארק סטעיט אפליקאנטן פון ים-עסן דיסטריביושען, קאמערציעלע פישעריי און צו-ארויסדינגען פאר פארוויילונג פישעריי ביזנעסער ווערן געגעבן ערלייכטערונג באזירט אויף זייער באריכטעטע עקאנאמישע פארלוסטן אין 2020 און 2021 אין פארגלייך צו די פאריגע פינף יאר.

**דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענטאַלע אַפּהיטונג קאָמישאַנער בעזיל סעגאָס האָט געזאָגט,** "מיר זענען איבערגעגעבן צו שטיצן אונזער פישעריי און ים-עסן אינדוסטריעס אַזוי ווי זיי רופן זיך אָפּ צו שוועריקייטן וואָס זענען פאַרערגערט געוואָרן דורך די קאָוויד-19 פּאַנדעמיע. די הילף וואָס איז אַנאַנסירט געוואָרן דורך גאָווערנער האָקול און פאַרזיכערט דורך אונזערע פעדעראַלע בעאַמטע איז קריטיש וויכטיג פאַר די אינדוסטריעס זיך צו קענען צוריק אויפבויען, אָבער מיר מוזן אויך פאַרזעצן צו שטיצן און פאַרשטערקערן אונזערע פישעריי אינטערעסן וואָס ברענגען אומשאַצבאַרע פאַרוויילונג געלעגנהייטן און פרישע, לאָקאַלע עסן פונעם ים."

**סענאַטאָר טשאָק שומער האָט געזאָגט,** "דאָס איז אַ געוואַלדיגע 'כאַפּ' פאַר ניו יאָרק'ס פישעריי אינדוסטריע. איך בין שטאָלץ צו האָבן 'געהוּקט' די היסטאָרישע 5.7 מיליאָן דאָלאַר אין פעדעראַלע פאַרלייכטערונג פאַר ביזנעסער פון די גרעניט לעיקס ביז לאָנג איילענד סאַונד. ניו יאָרק'ס פישעריי אינדוסטריעס ראַנגלט זיך נאָכאַלץ מיט די ווירקונגען פון די קאָוויד-19 פּאַנדעמיע, און די ספּעציעלע הילף וועט העלפן איינס פון אונזערע עלטסטע טראַדיציאָנאַלע אינדוסטריעס צו אַרויסגיין פון די רוישנדע וואַסערן און אַרויפציהען די זעגל אין ריכטונג פון ערהוילונג און אַ לעבעדיגערע צוקונפט."

**קאָנגרעסמאַן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האָט געזאָגט,** "ניו יאָרק'ס פישערייען זענען אַ נויטיגע טייל פון די סטעיט'ס עקאָנאָמישע וואוילזיין, און איך לויב אויס גאָווערנער האָקול פאַר די היינטיגע אַנאַנס צו פאַרטיילן 5.7 מיליאָן דאָלאַר אין פעדעראַלע געלטער – פאַרזיכערט דורך קאָנגרעס אין די 2022 פעדעראַלע בודזשעט – צו העלפן מיט די אָנגייענדע פאַרלייכטערונג און ערהוילונג פון ניו יאָרק'ס פישערייען נאָכפאָלגנדיג די ווירקונגען פון די פּאַנדעמיע. די גאָר נויטיגע געלטער וועלן העלפן פאַרשטערקערן דזשאָבס און זיכערהייט פאַר מענטשן און פאַמיליעס וועמען'ס פּרנסה איז געבינדן צו די פישעריי אינדוסטריע אין אונזער סטעיט."

די סטעיט'ס פאַרטיילונג איז באַשטימט געוואָרן דורך די נאַציאָנאַלע אָקעאַנישע און אַטמאָספערישע אַדמיניסטראַציע (National Oceanic and Atmospheric Administration, NOAA) פישערייען באַזירט אויף די סך הכל דורכשניטליכע יערליכע איינקונפט פון ניו יאָרק'ס פישעריי-פאַרבינדענע ביזנעסער. די DEC האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט NOAA פישערייען און מיט די אַטלאַנטישע סטעיטס פישערייען קאָמיסיע (Atlantic States Marine Fisheries Commission, ASMFC) צו אַוועקשטעלן די פרעמוואָרק צו באַשטימען באַרעכטיגונג און אויסטיילן די געלטער. ביזנעסער וועלכע באַקומען די הילף וועלן באַקומען אַ בריוו מיט אַ צוגעלייגטע טשעק דורך די פּאָסט צו די אַדרעס איבערגעגעבן אויף זייער אַפּליקאַציע.

די DEC האָט ערהאַלטן 204 אַפּליקאַציעס דורכאויס די אַפּליקאַציע תקופה, צווישן דעצעמבער 1, 2021 און יאַנואַר 14, 2022. די געלטער וועלן פאַרטיילט ווערן פאַר 194 אַפּליקאַנטן וועלכע זענען נאָכגעקומען סטעיט און פעדעראַלע פאָדערונגען, אַריינרעכענענדיג אויפווייזן אַ פאַרלוסט פון מער 35 פּראָצענט אין פאַרדינסט דורכאויס די תקופות פאַר וועלכע זיי קענען זיין באַרעכטיגט. פאַר די אַפּליקאַנטן וועמען'ס אַפּליקאַציעס זענען צוריקגעוויזן געוואָרן גיבט די DEC אַ געלעגנהייט צו אַפּעלירן די באַשליסן, און הילף איז אַוועקגעלייגט געוואָרן פאַר די וועלכע וועלן באַשטימט ווערן צו זיין באַרעכטיגט.

הילף וואָס איז היינט אויסגעטיילט געוואָרן זענען אין סכומים צווישן $400 און $100,000 – מיט מער פון האַלב פון די באַרעכטיגטע אַפּליקאַנטן באַקומענדיג מער פון $17,500. די סומעס זענען באַזירט אויף די פאַרלוסטן באַריכטעט דורך אַפּליקאַנטן, און זיי האָבן באַקומען אַ סומע פון ביז אַזויפיל ווי 40 פּראָצענט פון זייער באַריכטעטע פאַרלוסט. מער פון האַלב פון די אַפּליקאַציעס וואָס זענען ערהאַלטן געוואָרן זענען געווען פון קאָמערציעלע פישכאַפּער וועלכע האָבן געליטן פאַרלוסטן פון ביז אַזויפילל ווי הונדערטע טויזנטע דאָלאַרן. ים-עסן דעליווערי ביזנעסער און די פיש-פאַרם אינדוסטריע זענען געווען אַ קלענערע

טייל פון אפליקאציעס, אבער זייערע פארלוסטן זענען געווען העכער פון עטליכע מיליאן דאלאר. ניו יארק'ס אינדוסטריע פון פישעריי צו פארדינגען האט אויך געליטן פון באדייטנדע עקאנאמישע פארלוסטן צווישן טויזנטע און הונדערטע טויזנטע דאלארן. געוויסע אויסטיילונג באקומער קענען מעגליך קומען אונטער א פעדעראלע אודיט. פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פישעריי פארלייכטערונג פראגראם, באזוכט די [DEC'ס וועבזייטל].

די DEC האט אויפגעשטעלט אן אדווייזארי גרופע פון אינדוסטריע פארטרעטער צו הערן פון זיי און אז פאר איבערבליק ביים אנטוויקלען די פרעימווארק פארן פארטיילן די הילף. די אדווייזארי גרופע האט ארויסגעהאלפן מיט די אנטוויקלונג פון די ברייטע פראגראם צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס פארשידנארטיגע ים-עסן און פישעריי אינדוסטריעס באקומען יושר'דיגע און גלייכע פינאנצירונג שטיצע. מיטגלידער פון די אדווייזארי גרופע זענען:

- ראבערט דעניעלסאן, ים רעסאָרסן אדווייזארי קאונסיל ( Marine Resources Advisory Council) מיטגליד און פארמישט אין פארוויילונג פישעריי;
- מעליסע דירבארן, ים רעסאָרסן אדווייזארי קאונסיל מיטגלידערין און ים-האנדל אינדוסטריע פארטרעטערין;
- ניעל דעלענוי, צו-ארויסדינגען פישעריי אינדוסטריע פארטרעטער;
- ענטאני דילערניע, מיטל-אטלאנטישע פישעריי מענעדזשמענט קאונסיל ( Mid-Atlantic Fishery Management Council) ניו יארקע פארטרעטער און צו-ארויסדינגען פישעריי אינדוסטריע פארטרעטער;
- דעניעל פארנהאם, דזשוניאר, קאמערציעלע פישעריי אינדוסטריע פארטרעטער;
- עמערסאן האסברוק, Cornell Cooperative Extension פון סופאלק קאונטי;
- טאמאס דזשארדען, ים רעסאָרסן אדווייזארי קאונסיל מיטגליד און קאמערציעלע פישעריי אינדוסטריע פארטרעטער;
- פאול מעקאָרמיק, פיש-פארם אינדוסטריע פארטרעטער;
- קריסטאפער קווארטוטשיאָו, פיש-פארם אינדוסטריע פארטרעטער;
- גרעג ריווערא, Cornell Cooperative Extension פון סופאלק קאונטי; און
- אוגוסט ראָקדעשעל, סופאלק קאונטי דעפּארטמענט פון עקאנאמישע אנטוויקלונג און פלאנירונג (Department of Economic Development and Planning).

ניו יארק סטעיט נעמט אונטער א רייע באמיאונגען צו אונטערשטיצן פארוויילונג פישעריי, צוריקברענגען לעבעדיגע באשעפענישן באפעלקערונגען אונטן ים, פארשטערקערן לאנג איילענד'ס עקאנאמיע און באקעמפן קלימאט טויש. דאס רעכנט אריין די פארברייטערונג פון ניו יארק'ס ארטיפישעל ריעף פראגראם (Artificial Reef Program), דער לאנד'ס גרעסטע ברעגע ווינט ענערגיע פראגראם, רעקארד אינוועסטירונגען אין די ענווייראנמענטאלע שוץ קאסע (Environmental Protection Fund) און אין ריינע וואסער אינפראסטראקטור, א פארבאט אויפן גראבן אונטערן ים און אנגייענדע פארשריט מיט דעם לאנג איילענד צוריקברענגען שעלפיש איניציאטיוו (Long Island Shellfish Restoration Initiative).

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן